booklet:twelve_pesukim 5/18/2011 1:18 PM Page 1

# י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל

## א וועגווייזער פאר יעדן אידיש קינד



booklet:twelve_pesukim 5/18/2011 1:18 PM Page 2

ב״ה

# הקדמה

אין יאר תשל״ו ביים סוף חודש ניסן האט כ״ק אדמו״ר מליובאוויטש זי״ע פראקלאמירט ״שנת החינוך״ און האט געבעטן צו פארשטארקן אלע פעולות פארן חינוך הכשר.

אין יענעם יאר ביי דעם התוועדות פון א׳ דר״ח אייר ווי אויך בעת דעם ל״ג בעומר פאראד האט דער רבי אויסגעקליבן צוועלף פסוקים און מאמרי חז״ל וועלכע אידישער קינדער זאלן אויס׳חזר׳ן אויף אויסנווייניג.

אין יענע תקופה האט דער רבי ברייט ארומגערעדט ווי אזוי די צוועלף פסוקים און מאמרי חז״ל געבן ארויס די הויבט יסודות פון אידישקייט וואס דארפן ווערן איינגעקריצט אין די מוחות און הערצער פון תינוקות של בית רבן. מיט די אנווייזונגן פון תורה און דברי חז״ל האבען אידישער קינדער דער כוח אויף צו קעמפען און בייקומען דעם יצר הרע און איר באזיגן.

אין דעם קובץ, לייגן מיר פאר די צוועלף פסוקים צוזאמען מיט איר אפטייטש ווי אויך א קורצע ערקלערונג וועגן דער אינהאלט פון יעדן פסוק. דער קונטרס איז צוגעגרייט געווארן מיט דעם הילף פון הרב יעקב יהודה ליב בן רחל דוואשא אלטיין וואס האט זיך שטארק באמיט אפצוטייטשן דעם אינהאלט פון די פסוקים געבויט אויף די שיחות קודש פון דעם רבין זי״ע. זאל דאס זיין פאר אים א זכות אויף צו האבן א רפואה שלימה וקרובה ברמ״ח אבריו ושס״ה גידיו בשלימות.

די בילדער זענען געמאלן געווארן דורך מ. צעהנווירטה, דער זכות זאל ביישטיין בכל המצטרך.

עס איז אונזער האפענונג, אז דאס לערנען און חזר׳ן פון די צוועלף פסוקים און מאמרי חז״ל וועלן אריינברענגן נאכמער לעבעדיגקייט און דעם טאג טעגליכען לעבן פון אידישער קינדער, און אז דאס וועט זיי געבן דעם שטארקייט בייצוקומן די נסיונות פון די לעצטע מאמענטן פון גלות. און מיט דעם וועלן זיי אויך באלייכטן די וועלט און איר צוגרייטן צו די גאולה שלימה דורך משיח צדקינו במהרה בימינו.

ל״ג בעומר ה׳תשע״א

צבאות ה׳ - סניף בארא פארק

booklet:twelve_pesukim 5/18/2011 1:19 PM Page 4





גלייך ווי א קליין קינד שטייט אויף פון שלאף, איז די ערשטע זאך פון וואס ער דערמאנט זיך, איז דער אויבערשטער!

און דעריבער זאגט ער גלייך ׳מודה אני לפניך מלך חי וקיים שהחזרת בי נשמתי בחמלה רבה אמונתך׳.

און דער ׳מודה אני׳ ווערט ביי אים איינגעבאקן, און מיט דעם ״לעבט״ ער דעם גאנצן טאג. אז יעדער זאך וואס ער טוט, אפילו א גאר פשוט׳ע זאך - איז ביי אים קלאר אז דאס קומט פון דעם אויבערשטן, דער מלך חי וקיים.

# תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ מֹשֶׁה
# מוֹרָשָׁה קְהִלַּת יַעֲקֹב

(דברים, פרשת וזאת הברכה , ל״ג, פסוק ד)

## די תורה וואס משה רבינו האט אונז באפוילן געהערט אלץ ירושה צו יעדן אידיש קינד.

**משה** רבינו האט באקומען די גאנצע תורה ביים בארג סיני און האט איר איבערגעגעבן אלץ ירושה צו יעדער איד אפילו צו גאר א קליינעם קינד. אזוי ווי א ירושה, איז דאך נישט קיין אונטערשייד ווי גרויס דער קינד איז, אדער וויפיל שכל ער פארמאגט, אפילו אויב ער איז אט ערשט געבוירן געווארן, ירש׳נט ער אלעס. פונקט אזוי ירש׳נט יעדער אידיש קינד די גאנצע תורה. ווייל יעדער איד איז א קינד פון דעם אויבערשטן, און דעריבער באקומט יעדער קינד גלייך ווען מען ווערט געבוירן די גאנצע תורה פון דעם אויבערשטן, כדי צו נוצן אלע אנווייזונגען פון דער תורה אין דעם טאג טעגליכן לעבן, אז ס׳זאל זיין אן אמת׳ער ליכטיגער לעבן.



ווען דער יצר הרע קומט טענה׳ן: דו ביסט דאך א קליין קינד, פאר בר־מצוה אדער בת־מצוה, וואס פאר א שייכות האסטו מיט די תורה? וואס איז אזוי וויכטיג אז דו זאלסט זיך פירן על פי תורה?



א אידיש קינד טרייבט אבער ארויס דעם יצר, וויסנדיג אז גלייך ווען ער ווערט געבוירן האט די גאנצע תורה א שייכות מיט אים, און זי איז פאר אים א וועג ווייזער אויף זיין גאנצן לעבן. און במילא לערנט ער תורה מיט דער גרעסטער התמדה און שקידה און מיט חיות און שמחה און האלט די תורה טייער אזוי ווי מען האלט טייער א זאך וואס מען באקומט בירושה!

# שְׁמַע יִשְׂרָאֵל
# ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד

(דברים, פרשת ואתחנן, ו, פסוק ד)

**הערטס זיך איין אידן!**
**דער אויבערשטער איז אונזער גאט,**
**דער אויבערשטער איז איינער א**
**און ער געוועלטיגט איבער די**
**זיבן הימלען און די ערד ח**
**און די פיר זייטן פון וועלט ד**

## איינער

פון די וועגן ווי אזוי אידישע קינדער באווייזן קלאר אז זיי זענען אידן איז דורך דעם וואס זיי זאגן פון אויסענווייניג מיט א לעבעדיגקייט "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד".

דערווארט אחד באשטייט פון דריי אותיות, דער 'ח' = '8' איז אנטקעגן די זיבן הימלן און די ערד. דער אות 'ד' = '4' איז אנטקעגן די פיר זייטן פון דער וועלט, און דער אות 'א' =1 גייט אויף דער אויבערשטער וואס ער איז דער בעל־הבית אויף דער גאנצער וועלט - אויף אלע זיבן הימלן, דער ערד און אלע זייטן פון דער וועלט.

ווען מען פארשטייט דאס גוט באקומט מען א ליבשאפט צו דעם אויבערשטן, און דערפאר זאגט מען גלייך נאך דעם, "ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך", וואס דער אינהאלט דערפון איז אז אידישע קינדער האבן ליב דעם אויבערשטן, און די ליבשאפט נעמט אדורך אלע איינצלהייטן פון זייער לעבן. דאס הייסט, אז מען געדענקט דעם אויבערשטן אין אלעס וואס מען טוט במשך דעם גאנצן טאג, אויך ווען מען עסט און טרינקט, און אפילו ווען מען שלאפט, אזוי אז אלע זייערע מעשים, אלע דיבורים, און אלע מחשבות, זיינען בלויז אין אידישע זאכן, זאכן פון תורה און מצוות.





דער יצר הרע קומט צו א אידיש קינד און זאגט נישט צו פאלגן דעם
אויבערשטן חס ושלום



האט א אידיש־קינד גלייך דעם ענטפער: פון אנהויב אן, פון דעם ערשטן טאג
און פון דער ערשטער רגע האט דער אויבערשטער באשאפן די אלע
הימלען און די גאנצע ערד, מיט אלעס וואס געפינט זיך אין זיי.
ממילא, אלס א קינד וואס איז א סאלדאט אין דעם
אויבערשטנ'ס ארמיי, גייט ער גלייך ארויס מיט א שטארקייט
אויף בייקומען דעם יצר הרע וואס וויל באהאלטן און פארשטעלן אז
מ'זאל נישט זען און אנערקענען אז דער אויבערשטער איז דער איינציגער
בעל־הבית פון אלע הימלען און פון דער גאנצער ערד און אלעס וואס
געפינט זיך אין זיי!

booklet:twelve_pesukim 5/18/2011 1:21 PM Page 8








דער יצר הרע וויל דערשרעקן א אידיש קינד: מיט וואס פאר א כח קענסטו איבערקומען דעם גלות און צוגרייטן זיך צו אויפנעמען משיח'ן?



ענטפערט דער קינד: איך וויל נישט זיין קיין קנעכט צו מיין יצר הרע און צו מיינע נישט־געוואונטשענע געפילן, אפילו ווען דער יצר הרע וויל מיך איינרעדן אז איך זאל זיך אויפפירן ווי א מצרי, פאלג איך אים נישט. א קינד ווייסט אז פונקט ווי דער אויבערשטער אליין, "מלך מלכי המלכים הקב"ה", האט זיך פארנומען מיט ארויסנעמען די אידן פון מצרים ־ איז זיכער, אז אויך יעצט, וועט דער אויבערשטער אליין, ארויסנעמען יעדער איינער פון אונז צוזאמען מיטן גאנצן אידישן פאלק פון גלות!

# בְּכָל דּוֹר וָדוֹר חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרָיִם

(פסחים קט"ז, ב)

אין יעדן דור - יעדן טאג פון דעם גאנצן יאר, דארף א איד זיך באטראכטן ווי ער אליין איז היינט ארויס פון מצרים.

**א איד** דארף שטענדיג געדענקען אז מיר אידן זענען געווען אין מצרים, און דער אויבערשטער האט אונז פון דארט ארויסגענומען. יציאת מצרים איז נישט א זאך וואס האט פאסירט בלויז צו אונזערע זיידעס און באבעס מיט צענדליגער דורות צוריק, נאר מיר אלע זענען געווען אין מצרים און מיר זיינען אויסגעלייזט געווארן דורך דעם אויבערשטן אליין.

אונזערע חכמים זכרונם לברכה דערציילן אונז, אז ביי קריעת ים סוף האבן די קינדער - טראצט דעם וואס זיי זענען געבוירן געווארן און זיך אויפגעהאדעוועט אין מצרים - דערקענט דעם אויבערשטן נאך פריער און שטארקער ווי עס האבן אים דערקענט די דערוואקסענע.

אזוי איז אויך בנוגע די צוגרייטונגען צו דער גאולה פון דעם יעצטיגע גלות, אז אידישע קינדער דארפן נעמען אין דעם א הויפט איינטייל. דורך דעם וואס מען פירט זיך אויף ווי אידישע קינדער דארפן זיך פירן.

# כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא שֶׁנֶּאֱמַר וְעַמֵּךְ כּוּלָּם צַדִּיקִיםלְעוֹלָם יִירְשׁוּ אָרֶץ נֵצֶר מַטָּעַי מַעֲשֵׂה יָדַי לְהִתְפָּאֵר

(משנה סנהדרין צ, א.)

אלע אידן האבן א חלק אין עולם הבא אזוי ווי ס׳שטייט אין פסוק: דיין פאלק זיינען אלע צדיקים, זיי וועלן באקומען עולם הבא, זיי זענען מיינע פלאנצונגן וואס איך טוה זיך מיט זיי שטאלצירן.

## א אידיש

קינד דארף וויסן אז ער האט דעם געוואלדיגן זכות אז ער איז א פלאנצונג פון דעם אויבערשטן, און אונזער פאטער אין הימל טוט זיך מיט אים שטאלצירן. דערפאר באקומט ער א חלק אין עולם הבא אויף אייביג.

דערפאר דארף א קינד זיך באטראכטן אז אויב ער אדער זי וועט זיך אויפפירן אזוי ווי ס׳דארף צו זיין, וועלן זיי זוכה זיין צו זיצן מיט אלע גדולים בישראל לעולם הבא, און אויב ביי א אידיש קינד וועט עפעס פעלן אין זייער אויפפירונג, וועלן זיי בלייבן זיצן א פארשעמטער צווישן אנדערע קינדער וואס האבן זיך נישט אויפגעפירט ווי ס׳דארף צו זיין. דער געדאנק וועט זיכער ערוועקן ביי יעדען קינד דעם רצון זיך אויפצופירן וואויל מיט א ליבשאפט און א חשק צו לערנען תורה און אפהיטן אלע מצוות און אלע זאכן פון אידישקייט, ווי אויך מקיים צו זיין די מצוה פון כבד את אביך ואת אמך.





# כִּי קָרוֹב אֵלֶיךָ הַדָּבָר מְאֹד בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשׂוֹתוֹ

(דברים, פרשת נצבים, פרק ל, פסוק י"ד)

## אידישקייט איז נאנט און גרינג פאר יעדן איד מקיים צו זיין, צו לערנען תורה, דינען דעם אויבערשטן און טוהן זיינע מצוות.



ווען א איד הויבט אן טראכטן וועגן דינען דעם אויבערשטן - קען דער יצר הרע קומען און אים פארמישן און זאגן: ווי אזוי און פון וואו וועסטו נעמען כח אויף צו דינען דעם אויבערשטן ווי עס דארף צו זיין? און ווען עס רעדט זיך וועגן א קליין קינד - זאגט דער יצר הרע, אז דאס איז גאר א שווערע זאך; ערשט דארפסטו אויפוואקסן, און זייער אסאך לערנען ביז דו וועסט ווערן א גרויסער תלמיד חכם, און אויך מקיים זיין אסאך מצוות - און ערשט דערנאך וועסטו זיך קענען באשעפטיגן מיט דינען דעם אויבערשטן!



ווייסט א אידיש קינד קלאר צו ענטפערן:
דער אויבערשטער אין זיין תורה זאגט צו יעדער איד: עס איז גאר גרינג און נאנט צו זיין אן עבד ה' - דינען דעם אויבערשטן, און ס'איז נישט נאר נאנט צו טראכטן און רעדן אזוי - נאר ס'איז נאנט דאס דורכצופירן אין מעשה, און דאס איז נישט סתם נאנט - נאר גאר שטארק נאנט.

# וְהִנֵּה ה' נִצָּב עָלָיו וּמְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ וּמַבִּיט עָלָיו וּבוֹחֵן כְּלָיוֹת וָלֵב אִם עוֹבְדוֹ כָּרָאוּי

(תניא פרק מ"א)

## דער אויבערשטער שטייט נעבן יעדן איינציגן איד און קוקט זיך צו, צי דינט ער אים ווי עס דארף צו זיין.

דער אויבערשטער וואס פירט אן מיט די גאנצער וועלט, לאזט אפ די אלע הימלען און די ערד און ער שטעלט זיך אוועק אויף דער זייט פון יעדער איד און ער קוקט זיך צו ווי אזוי דער איד פירט זיך יעדן מינוט, נישט קוקנדיג אויף זיין אויפפירונג מיט א מינוט פריער.

ווייל ביים אויבערשטן איז וויכטיגער יעדער מעשה, דיבור און אפילו מחשבה פון א איד, מער ווי דאס וואס עס טוט זיך אין אלע הימלען. און דעריבער לייגט ער אויף דעם גרויס אכט און שאצט אפ אויב א איד דינט אים ווי עס דארף צו זיין, און דער אויבערשטער וואס האט באשאפן יעדער איד, און געבט אים חיות, געבט אים זיכער אלע נויטיגע ברכות.

יעדער קינד דארף אננעמען אויף זיך דעם עול פון דינען דעם אויבערשטן ווי א סאלדאט אין אן ארמיי.

אין יעדער ארמיי, געפינען זיך די גענעראלן און אנפירער אין איין ארט, און די סאלדאטן אין א צווייטן ארט; אבער אין דעם אויבערשטנ'ס ארמיי, איז דער אויבערשטער, דער אנפירער פון דער גאנצער ארמיי, און ער געפינט זיך אין דעם זעלבן ארט וואו עס געפינען זיך אלע זיינע סאלדאטן - די אידישער קינדער.




6

דער אויבערשטער שטייט
נעבן יעדער איינצעלנעם
סאלדאט, און קוקט זיך צו,
צי דינט ער אים ווי עס דארף
צו זיין, דורך מקיים זיין אלע
באפעלן וואס דער
אויבערשטער האט אנגעזאגט
אין זיין תורה, ביז אז אלע
זיינע מחשבות דיבורים און
מעשים זיינען פאסיג פאר
איינעם וואס שטייט נאנט
נעבן דעם אויבערשטן!

booklet:twelve_pesukim 5/18/2011 1:24 PM Page 16








וועןא אידיש־קינד זעט א געשמאקע זאךקומט דער יצר הרע און זאגט: כאפ גלייך די געשמאקע זאך און עס אן א ברכה!

ענטפערט דער קינד: "הער זיך איין! דו ביסט א "זקן וכסיל" ־ א גרויסער אלטער נאר! ווייסטו דען נישט אז דער אויבערשטער איז דער וואס האט באשאפן די גאנצע וועלט, אריינגערעכנט אויך אט די געשמאקע זאך? דארף איך דאך צום אלעם ערשט מאכן אויף דעם א ברכה אים צו אפדאנקען פאר מיר געבן די געשמאקע זאך".

און נאך עפעס: אויב מען דארף שטארקן דעם גוף און אים פארשאפן פארגעניגן, איז דאך זיכער אז מען דארף אויך שטארק מאכן די נשמה און צו געבן איר פארגעניגן ־ דורך מאכן א ברכה און האבן פארגעניגן אין לערנען תורה און מקיים זיין מצוות!



# בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ

(בראשית, פרק א, פסוק א)

## די גאנצע וועלט איז באשאפען געווארן דורך דעם אויבערשטער.

דער אויבערשטער איז דער באשעפער סיי פון די הימלען און סיי פון די ערד.
דאס איז דער אנהויב פון די גאנצע תורה, ווייל דאס איז דער יסוד פון דעם לעבן פון יעדן איד. ווען א איד ווייסט קלאר אז אלעס איז באשאפן געווארן פון דעם אויבערשטן, דעמאלטס וועט יעדער זאך וואס מען טוט, זיין לויט די אנווייזונגען אין דעם אויבערשטנ׳ס תורה.

צום ביישביל, איידער א איד טוט אזא פשוט׳ע זאך ווי נעמען א טרונק וואסער, מאכט מען א ברכה שהכל נהי׳ בדברו. דער איד דאנקט דעם אויבערשטן נישט נאר פאר דעם טרונק וואסער, נאר אויך פאר דעם וואס ער האט באשאפן די גאנצער וועלט. די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן מיט די רייד פון דעם אויבערשטן.

און ווען א אידיש־קינד געדענקט אז דער אויבערשטער איז דער וואס האט באשאפן די גאנצע וועלט און באנייט איר שטענדיג, מאכט דאס גרינגער זיך אויפצופירן ווי עס פאדערט זיך, און דאס געבט כוחות איבערצוקומען די שטערונגען פון דעם יצר הרע.

# וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ וְדִבַּרְתָּ בָּם בְּשִׁבְתְּךָ בְּבֵיתֶךָ וּבְלֶכְתְּךָ בַדֶּרֶךְ וּבְשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ

(דברים, פרשת ואתחנן, ו, פסוק ז)

**די תורה דארף זיין איינגעקריצט אין הארץ און אין קאפ אז מען זאל דאס לערנען און חזר׳ן סיי אין שטוב אדער גייענדיג אין גאס, מיט דעם זאל מען זיך לייגען שלאפן און מיט דעם זאל מען אויפשטיין.**

די אויפפירונג פון א איד איז אנדערש פון אלע אנדערע פעלקער: ווען א אידיש קינד דארף עפעס טוהן, קוקט ער נישט ווי ס׳פירן זיך די נישט־אידישע קינדער, נאר מען פרעגט זיך נאך וואס שטייט אין תורה, אין שולחן ערוך!

די זעלבע זאך אין דעם ענין פון אויסצונוצן זיין צייט ־ קוקט נישט א קינד ווי א נישט־אידיש קינד נוצט אויס זיין צייט, נאר מען פירט זיך אין יעדער זאך לויט ווי דאס וואס שטייט אין תורה, אנהויבנדיג פון אנפילן די צייט מיט לימוד התורה.




ווען מען גייט אדער מען פארט ערגעץ נעמט מען מיט זיך א ספר, צי א קונטרס, אין וועלכן מען זאל קענען לערנען תורה.
און אויך אין דערהיים, ״בשבתך בביתך״, לערנט מען תורה. כאטש מען איז שוין אהיים געקומען פון שולע, פון תלמוד תורה, פון ישיבה . מען ווייסט אז לימוד התורה דארף זיין שטענדיג, אפילו ״בשבתך בביתך״.

booklet:twelve_pesukim 5/18/2011 1:25 PM Page 20







booklet:twelve_pesukim 5/18/2011 1:25 PM Page 21

# יָגַעְתִּי וְלֹא מָצָאתִי אַל תַּאֲמִין
# לֹא יָגַעְתִּי וּמָצָאתִי אַל תַּאֲמִין
# יָגַעְתִּי וּמָצָאתִי תַּאֲמִין

(מסכת מגילה ו, ב.)

1 אויב איך האב נישט מצליח געווען, מיינט עס אז איך האב נישט גענוג געהארעוועט.

2 אויב איך האב נישט געהארעוועט, קען איך נישט מצליח זיין.

3 אויב איך האב געהארעוועט וועל איך זיכער מצליח זיין.

**צום** ביישפיל: וויפיל תורה א אידיש קינד לערנט לויט די סדרים פון זיין כתה - האט מען אלעמאל א מעגליכקייט אראפצונעמען פון דעם אייגענעם צייט, און דאס אויסנוצן צו לערנען נאך א פסוק אין תורה, נאך א משנה, אדער אן אנדער ענין אין תורה.

און אזוי אויך אין מצוות: וויפיל ברכות אדער מצוות מען איז מקיים לויט ווי מ׳זאגט אים אן - קען מען צוגעבן נאך א מטבע אויף צדקה, אדער נאך א מעשה טוב אין אהבת ישראל, אדער אין ענליכע מצוות.



דער יצר הרע קומט איינרעדן א אידיש קינד אז ער האט גענוג געלערנט פארן היינטיגן טאג, אדער געטאן גענוג מצוות פארן היינטיגן טאג.



ווערט א אידיש קינד פון אים אינגאנצן נישט נתפעל, און איז ווידעראמאל מוסיף נאכמער אין לימוד התורה און אין קיום המצוות אין א גוטן אופן און א הצלחה׳דיגן אופן.
און ווען א אידיש קינד זעט אז ער האט געפונען און האט מצליח געווען צו דערפילן דעם אויבערשטנ׳ס רצון צו לערנען נאכמער תורה און מקיים זיין נאכמער מצוות - וועט אים שוין מארגן אנקומען אסאך גרינגער בייצוקומען די מלחמה מיטן יצר הרע.

booklet:twelve_pesukim 5/18/2011 1:25 PM Page 22

# וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ –
# רַבִּי עֲקִיבָא אוֹמֵר
# זֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה

(תורת כהנים, קדושים, י"ט פסוק י"ח)

**ר' עקיבא לערנט אונז אז עס איז א גרויסער און עיקר'דיקע כלל אין תורה אז מען דארף ליב האבן א צווייטן איד אזוי ווי מ'האט ליב זיך אליין.**

די מצוה פון ליב האבן א צווייטן איד ווי זיך אליין אנטהאלט אין זיך די גאנצע תורה. ווי הלל הזקן האט מסביר געווען די מצוה: טו נישט צו דיין חבר עפעס וואס דו האסט פיינט אז מען זאל טאן צו דיר. זיי שטארק אפגעהיט נישט צו פארשאפן אומבאקוועמליכקייט פאר א צווייטן איד.

ווען די נשמה איז דער עיקר און דער גוף איז א טפל, קען זיין דער ענין פון ואהבת לרעך כמוך מיט אן אמת, וויבאלד אז די נשמות פון אלע אידן זענען פאראייניגט דורך דעם אויבערשטן וואס ער איז איין טאטע פאר אונז אלע.



ווען א קינד וויל קויפן א צאצקע (טוי) אדער א צוקערל (קענדי), און א צווייטער איז געווען דער ערשטער וואס האט דאס געוואלט קויפן, זאגט עם דער יצר הרע: זאג דעם פארקויפער, אז דו וועסט אים געבן מיט א פעני מער, דערפאר זאל ער דאס דיר געבן.



ווייס א אידיש קינד אז מ'דארף זיך איינהאלטן נישט צונעמען עפעס פון א צווייטן, כאטש ס'איז א געשמאקע זאך און עס ווילט זיך אים דאס האבן; מ'טאר אויך נישט אריינטרעטן אין דעם גרעניץ פון א צווייטן, וויבאלד אז יענער איז דארט געווען דער ערשטער. וואס דאס איז אן ענין פון "דעלך סני": ווען איינער וואלט דאס אים געטאן, וואלט ער דאס נישט געקענט ליידן!



ס׳איז נישט גענוג אז מ׳האט דעם ליבשאפט־געפיל אין הארצן, אדער אז מ׳רעדט מיט א
צווייטן דברי אהבה, גוטע רייד, אדער אז מען טראכט וועגן אים במחשבה, טראץ דעם
וואס דאס איז אויך זייער וויכטיג ־ נאר מ׳מוז אויך טוהן במעשה גוטע זאכן פאר׳ן חבר.

booklet:twelve_pesukim 5/18/2011 1:26 PM Page 24






דער יצר הרע קומט איינרעדן א אידיש קינד, ווי אזוי קענסטו מאכן פון דער גרויסער וועלט א וואינארט פאר דעם אויבערשטן? דאס איז דאך גאר א גרויסע אונטערנעמונג!



אבער א אידיש קינד שרעקט זיך גארנישט פון דעם, ווייל ער ווייסט קלאר אז אויף דעם האט אים דער אויבערשטער באשאפן און דער אויבערשטער האט אים ספעציעל אויסגעקליבן פאר דעם הייליגן ציל. דערפאר מאכט ער פון זיין אייגענעם צימער א אידישן צימער וואו דער אויבערשטער זאל זיין זייער באקוועם.

# וְזֶה כָּל הָאָדָם וְתַכְלִית בְּרִיאָתוֹ וּבְרִיאַת כָּל הָעוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים וְתַחְתּוֹנִים לִהְיוֹת לוֹ דִירָה זוֹ בְּתַחְתּוֹנִים

(תניא פרק ל"ג)

**דער צוועק צוליב וואס יעדער איד איז באשאפן געווארן ווי אויך דער ציל פון דעם וואס דער אויבערשטער האט באשאפן די גאנצער וועלט איז צו מאכן פון דער אייגענער הויז און פון דער גאנצער וועלט א וואוין־ארט פאר דעם אויבערשטען.**

דער צוועק אויף וואס א איד איז באשאפן געווארן איז צו ליכטיג מאכן די וועלט און צו אנטפלעקן אין דער גאנצער וועלט די אנערקענונג אז זי איז באשאפן געווארן דורך דעם אויבערשטן. פונקט אזוי ווי א מענטש פילט זיך גאר באקוועם אין זיין אייגענעם הויז, אזוי אויך וויל דער אויבערשטער אז מיר זאלן מאכן פון דער גאנצער וועלט א וואוין־ארט וואס דער אויבערשטער איז דארטן באקוועם. דורך דעם וואס מען פירט זיך אויף לויט די אנווייזונגען פון די תורה אין מען נוצט אויס אלע זאכן פון דער וועלט אויף הייליגייט און איידלקייט, מיט דעם מאכן מיר פון דער וועלט א וואוין־ארט פאר דעם אויבערשטן ווי דער אויבערשטער קען רוען און ווי ער איז אינגאנצן אנטפלעקט.

# יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל בְּעוֹשָׂיו פֵּירוּשׁ שֶׁכָּל מִי שֶׁהוּא מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לוֹ לִשְׂמוֹחַ בְּשִׂמְחַת ה' אֲשֶׁר שָׂשׂ וְשָׂמֵחַ בְּדִירָתוֹ בְּתַחְתּוֹנִים

(תניא פרק ל"ג)

יעדער וואס געהערט צום אידישן פאלק דארף זיך פרייען מיט דער גרעסטע שמחה, וויסנדיג אז דער אויבערשטער פרייט זיך מיט דעם וואוין־ארט וואס א איד מאכט פאר דעם אויבערשטען אין דער וועלט.

ווען א איד דערמאנט זיך אז דער אויבערשטער האט אים געמאכט און באשאפן - דאס אליין דארף אים ברענגען א שמחה גדולה.

נאך גרעסער איז די שמחה בשעת ער באטראכט דעם גרויסן זכות וואס ער האט, אז דער אויבערשטער האט אים אויסגעקליבן צו זיין אין זיין ארמיי, און האט אויף אים ארויפגעלייגט די הייליגע שליחות דורכצופירן דעם תכלית פון די גאנצע בריאה - אז אין יעדן ארט זאל זיין קענטיג אז עס איז א וואוין־ארט פאר ג־טלעכקייט, דורך דעם וואס מ'איז מקיים תורה און מצוות, וואס דערמיט ווייזט מען אז דער אויבערשטער געפינט זיך אין דעם ארט און פירט אן מיט אלעס.

די גרעסטע שמחה פון א איד איז ווען ער פריידט זיך וויסנדיג ווי דער אויבערשטער פריידט זיך ווען אידן פירן אויס די שליחות צו מאכן פון זיך, פון זייער הויז און פון דער גאנצער וועלט א וואוין־ארט פארן אויבערשטן.

